בחצרות
# סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר
בעזהשי"ת
יום ב' פ' נשא | כ"ו אייר | תשע"א | פסחים: ס:

## באריכט:

נעכטן נאכט איז דער רבי שליט"א אנגעקומען אויף בארא פארק ווי דער רבי שליט"א איז קודם ערשינען אין ביהמ"ד הגדול ווי דער רבי האט געדאווענט מעריב מיט'ן ציבור.

נאך מעריב איז דער רבי שליט"א אריבער אין די זאלן פון הילמאן פלאזא אין בנין בית רחל ווי עס איז פאהרגעקומען דער יערליכער מסיבה לטובת כולל עצי חיים לצדקת רבי מאיר בעל הנס, ווי הונדערטער אנ"ש תושבי בארא פארק האבן זיך ווארעם באטייליגט בגוף ובממון.

קודם האט אויפגעטרעטן דער יו"ר הר"ר נפתלי הירצקא קליין שליט"א מנהל התאחדות אברכים ד'קהלתינו הק' אין בארא פארק, און האט אויפגערופן הרה"ג ר' זלמן לייב מייזליש שליט"א דומ"ץ ב'קהלתינו וועלכער האט געזאגט א העריכע דרשה בנוגע די מעלות און דער חוב פון העלפן דעם כולל, און אזוי אויך דברי זכרון אויף די באבע הרבנית הצדיקת ע"ה וואס אצינד איז פארענדיגט געווארן די י"א חודש לפטירתה.

דערנאך האט מרן רבינו שליט"א משמיע געווע ווארימע דברות קודש און שטארק מחזק געווען די תומכים און עסקנים פאר דעם הייליגן כולל וועלכער איז ממשיך די א"י צדקה פון שולשלת בית סיגוט.

נאך די מסיבה איז דער רבי שליט"א געגאנגען מנחם אבל זיין משפחת שווייד בני הרה"ח ר' שלמה זלמן ז"ל, ווי עס איז פארפירט געווארן א שיינער שמועס, אויפן וועג ארויס האט דער רבי שליט"א באגעגנט האדמו"ר מ'אלכסנדר ב"פ שליט"א.

דערנאך איז דער רבי שליט"א געפאהרן אויף פלעטבוש ווי דער רבי שליט"א האט מנחם אבל געווען הגה"צ אבד"ק וויאלעפאל שליט"א וועלכער זיצט אצינד שבעה נאך זיין מוטער ע"ה.

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור ג' ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הבחורים חתני הבר מצוה, הב' בן מוה"ר זלמן לייב דייטש הי"ו פון קרית יואל, הב' בן מוה"ר מענדל

וואלף טייטלבוים הי"ו פון קרית יואל, און הב' בן מוה"ר חיים לייב זילבערשטיין הי"ו פון קרית יואל.

~•~

נאכמיטאג ארום 2:15 איז דער רבי שליט"א ערשינען אין היכל ישיבה גדולה – שיעור ב', ווי דער רבי שליט"א האט אנגעהויבן דאס סוגיא פאהרלערנען לקראת יו"ט שבועות הבעל"ט אין די סוגיא פון "חזקי' ור' אבוהו" וואס דער רבי שליט"א וועט אי"ה זאגן אום יו"ט שבועות ביים "קרעפיל פשעטיל", וועלכער וועט אנהאלטן ביז יו"ט בעזהשי"ת.

~•~

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,
און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין
מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען
פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.